STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04689

# MEGILES ESTER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שנת: „חיים והצלחה ואחוה וגאולה וישועה״, תרצ״ו

# מגילת אסתר

בעזר הבורא יתברך מיט די הילף פון באשעפער
איז דיזע איבערזעצונג בדרך שיר, פּאָעטיש און אידיש
פּאַרטרעפליך געלונגען, לויט די חכמים ז״ל: פון
גמרות, מדרשים און אנדערע מפורשי התורה
צוזעזאַלצען, געפּעפּערט און געשמאַלצען
צוגעפּאַסט און באַשייד, פּאַר די יעצטיגע צייט

מעט הכמות ורב האיכות
קליין אין קוואנטיטעט, גרויס אין קוואליטעט

זעהר וויכטיג און אינטערעסאנט צו לייגען
אפילו אין מיטען יאָהר, פאר אלע סארטען לעזער:
פרומע און ראדיקאלע אין אלגעמיין
פאר לומדים ומשכילים, ספּעציאל!

דיזער חיבור איז א נייעס
אין די אידישע וועלט

פּרייז 10 סענט, בלויז פאר דרוק הוצאות

צו באקומען ביים פארפאסער און פּרינטער
א״י באַרינשטיין, 63 קלינטאן סט., ניו יארק

אויך אין די ספרים סטארס—און ביי די שמשים אין
די שוהלען און דורך פּאָסט געשיקט צום פארלאנגטען.
וואָס וועט געווים צוריק שיקען די 10ס. און 1-2
סענטיגע פּאָסט סטעמפּס!

איך די פאריגע פעריאדישע בראשורען און חבורים
אלס אגיטאציאן פאר הויכע אידעאלען
און ווי צו לעזען אידישע פראבלעמען
פארפאסט בדרך שיר (גראמען)

נעמליך: „קול ארי" ענטהאלט 132 זייטען

„אמונה על פי השכלה (איבערצייגטער גלויבען)
וטהרת המשפחה"

א קורצען אויסצוג פון צוקינפטיגען „המעורר",
בלשון הקודש און אידיש

„כאציאליזם מן התורה" שבכתב ובעל פה

און דאס גלייכען...

יעדער לעזער וועט זיך און אנדערע, דערמיט פארשאפען
עונג רוחני (גייסטיגעס פארגעניגען!)

בעזר השם יתברך, אדר, פה נויאָרק,

שנת „כנוס את כל יהודים כאחד, (תרצ״ה)

## הקדמה — פאָרוואָרט:

ליבע אידען, עהרליכע און פרומע,
לעזט ערנסט מיט געדולד דיזע הקדמה,

און דאַן דעם גאַנצען חבור,
סאַי ביחידות, סאַי בצבור,

מיט אַ ריינעם אידישען געפיהל
וועט מען פאַרשטעהן דעם מחבר׳ס ציל,

דיזע פערפאַסונג איז קיין פראָסטע „בדחנות״
דאָ ווערד אָנגעצייגט הויכע אידעאַלע כוונות,

**השם אחד ועם אחד ותורה אחת**, ווען פעראייניגט
טראָץ אַלע שונאים, בלייבט דאָס אידענטום פאַראייוויגט,

וואָלט געענצליך פאַרשוואונדען דער גלות
מיט אַלערליי צרות ובהלות,

וועלכע זיינען אונגעהייער גרויס
איז די איינציגע תרופה „לך כנוס״!

דערויף קאָנט איהר זיין זיכער,
פרובט דאָס טוען וואָס גיכער!

מתקן זיין דעם קלקול פון פרוד לבבות
וועט מקוים ווערען: „והשיב לב בנים על אבות״,

און דאָס זעלבע: „והשיב לב אבות על בנים״,
דורך נסים גלוים, און ניט בהסתר פנים!

וואָרום נאָך זיין גלייכגילטיג מיט אַזאַ געדולד?
שוין גרויס צייט, צו פאַרריכטען דיזען שולד!

דאַרום, סאַי אין אַ גליקליכע צייט,
סאַי אין אַ ביטערע עת צרה,
זאָל יעדער מאַן און פרוי זיין פאַרגעברייט
אויסצופאָלגען דיזע גמרא:

„הקורא את המגילה למפרע",
אז מ'לייענט די מגילה מיט א לעגענדארישע דעה
„לא יצא ידי חובתו", כי לא נעשה פעולתו,

ד"מ: אויב ווער מיט א מיינונג זי ציטירט:
בלויז, אלס „היסטארי" „וואס האט אמאל פאסירט",
האט עס ניט געבראכט די גוטע געוואונשטע פעולה
און ניט יוצא געווען מצוות קריאת המגילה,

ווייל, פאקטען באווייזען אונז, אלס א באוואוסטער כלל
אז דיזע פאסירונג ווידערהאלט זיך שטענדיג איבעראל,
עס איז דער זעלבער אינהאלט
נור אין אנאנדער געשטאלט...
ליידער, זיינען יעצט פאראן פיל „המן'ס" ביי אידען
בלויז, זייער טיפ און כאראקטער איז פערשידען,
פיל ערגער ווי אין אמאליגען ערשטען פורים,
ליידען אידען פון זיי אונערטרעגליכע יסורים,
אידען זיינען אין דער גאנצער וועלט
מיט זייער לעבען אין סכנה געשטעלט,
מיר האבען „עמלק'ס און המן'ס" אין יעדען דור
עס באהערשט אונז יעדער שארלאטאן — יעדער בור,
„עמד בעושרו, נפל ברשעו",
ביי אן עושר, זוכט ניט יושר!
דער רייכער עם-הארץ'דיגער „אפיקורוס"
איז בעאמטער אין שוהלען און תלמוד'תורות,

דער מחלל שבת בפרהסיא
איז „נשיא" אין אידישע כנסיא.
ווער עס גיט נור א גרעסערע סומע געלד,
ווערד שוין אלס בעאמטער אויפגעשטעלט,
והדיוט קופץ בראש, בלי שום חקירה ודרוש,
מיט שטארקע מאכט, ווי א דעספאט
ווערד די חברה צו שאנד און שפאט,
ער געוועלטיגט איבער קהל ווי א „צארישער" שררה
זיצט ביים ארון-הקודש, א רעגעלע עבודה זרה.

אָבער ניט יעדער פאַרשטעהט די מגילה בלשון הקודש
נאַטירליך, פֿיהלען ניט יענע, די שמחה פון דעם חודש,
וועט די פרייע איבערזעצונג אין אידיש און גראַמען
איהר קענען לייענען, אויך די טאָכטער מיט די מאַמען,
פאַר'ן למדן-משכיל וואָס איז אין מדרשים באַקאַנט,
איז דיזער חבור פאַר איהם פיל מעהר אינטערעסאַנט,
זי איז לויט די מיינונג פון מדרשים צוגעשמאָלצען
און מיט וויציגע שאַרפקייט, צוגעפעפערט-צוגעזאַלצען,
אויך פון פערשידענע ספרים
לכבוד שמחת וסעודת פורים;
באַזונדערס אין אמעריקא היינט
אַז ס'קומען זיך צוזאַמען גוטע פריינד,
יונג און אַלט, רייך און אָרים
צו אונטערהאַלטען זיך אַם פורים,
ביי אַ גלעזעל משקה ווינשט איינער דעם צווייטען לחיים
און מיט ברכות דאַנקט מען דעם בורא ארץ ושמים.
עס ווערד זאָגאַר געבראַכט אַלס אַ מנהג אין שולחן ערוך:
„צו טרינקען זאָפיל, ביז מ'ווייסט ניט בין ארור לברוך",
און יעדער שיקט צו זיין באַקענטען
אויך צו אָרימע, שעהנע פרעזענטען,
זאָל מען די געגראַמטע מגילה הויך לייענען
אום די שמחת פורים צו באַשיינען!

„קימו וקבלו" פאַר די קינדער פראַקלאַמירען
און אידישע טראַדיציאָנען פראַקטיצירען!

*    *    *

זאָגען מיר מיט גרויס האַרצווייטיג אין „סליחות":
אויף דעם געפאַלענעם אידישען „יחוס",

„אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור",
וואָס ווייטער אַ דור, אַלץ אַ גרעסערער בור,

די מעהרסטע קינדער און אייניקלעך ביי אונז אידען,
זיינען געגען די אומות העולם ענטשידען:

ביי זיי, איז די וועלטליכע בילדונג, צום פאָטער פרעמד
דער זון און טאָכטער, אין זייער „קולטור״ אינטערעס נעמט
דער אייניקעל, שוין אַלס „רעגירונגס-בעאַמטער״ שם'ט

ביי אונז, דער פאָטער אַ למדן — אפילו א גאון,
דער זון, פון „יוצא וועגען״ וועט אָפט אים נאָכטוען,
דער אייניקעל, ווייסט גאָר ניט, ווי פון „בני אדם״ דער האָן,

דאַרפען מיר אידען, פון זיי, אַ מוסר זיך נעהמען
אום, געגען זייערע מידות, זיך ניט דאַרפען שעהמען.

* * *

לייגט די מגילת אסתר אַ פליכט אויף אידישע פרויען,
אַלס מוטערס, וואָס העלפען די פיזישע וועלט בויען:

אַז אינטערדעסן, זאָלען זיי ניט פאַרגעסען
אָפט צו געבען די קינדער אידישע לעסען,
וועלכע באַלעבט און איידעלט די נשמה
וואָס פון די גוי'שע לעהרע ווערד זי טמא;
איהרע ענערגיע און גאַנצע באַמיהונג
דאַרף זיין פאַר אידישע ערציהונג;
לערנען באַ'ם און מיידלעך, אין דזשענעראַל,
אידישע ליטעראַטור און מאָראַל;
זיי שיקען אין ישיבות ותלמוד תורות
עס זאָל וואַקסען וואָס מעהר, אידישע דורות!

דען, די פאָטער'ס זיינען זעהר באַשעפטיגט פאַר הכנסה
צו שאַפען פאַר די פאַמיליע אַנשטענדיגע פרנסה;

זאָל די יעצטיגע שרה, מרים, דבורה און אסתר:
זיך אַנשליסען אין ישיבות, אַלס געטרייע שוועסטער,
דיזער וואָהלטאַט איז דער בעסטער, שענסטער, העכסטער

„וימי הפורים לא נבטלים״
ויזכנו לששון ולשמחת גילים!
במהרה בימינו אמן ואמן,
ארי' ליב ב״ר חיים באַדענשטיין.

## באַמערקונג:

„נאמנים פצעי אוהב", דער וועלט'ס חכם אונז לערענט:
אנגענעם איז, אז אַ גוטער פריינד מוסר'ט און צערינט,

דאַרום, זאָל דעם געעהרטען לעזער ניט פאַרדריסען
ווענען די המן'ס מסירות וואָס דאָ ווערד פאַרגעשטעלט,
פון פערפאַסער'ס מענשליכע און מאָראַלעם געוויסען,
די פאַקטישע גרויסע עוולות פון דער אידישער וועלט.

דען, ווען דאָס רוב אידען, זיך על פי התורה פיהרען
וועלען די קינדער איהרע געבאָטען אַקצעפּטירען
און די פעלקער וועלען דאָס אידישע פאָלק רעספּעקטירען!

„ואם כל המועדים יהיו בטלים
וימי הפורים לא נבטלים",

מיר שיינט, דאָס מיינט:

אויב אידען וועלען אידישע ימים-טובים איגנאָרירען
וועט אויפשטעהן אַ „המן" אויף אידען דעספּאָטיש רעגירען

דאַן, וועט מען דורך תשובה ותפילה למלך חי וקיים
ווידער דאַרפען באַשטימען אַ „פּורים-נס" אַ נייעם

איז בעסער צו בלייבען ביים אַלטען,
און מיט דעם פּורים זיך האַלטען!

* * *

## ברכות קודם המגילה:

דו באַשעפער ווערסט געלויבט פון דער קהלה
פאַר דער מצוה, צו הערען לייענען די מגילה,

געלויבט ביזטו מעכטיגער וועלטס-פיהרער
פאַר שיצען אונז מיט נסים, געגען שונאים-רעגירער,

איך דאַנק און לויב פאַר'ן געזונד און לעבען
וואָס ווערד פון באַשעפער אונז געגעבען.

## קאפּיטל א׳: „ויהי בימי אחשורוש המלך״

עס איז געווען אין דער צייט פון אחשורוש המלך
איז די אידישע לאַגע געוואָרען שלעכט אונערטרעגליך,
אין די לענדער מדי ופרס, דורך זייערע שרים ושרות
און פון אסימילאַנטען און אַנטיסעמיטען געליטען צרות.
ווען זיין ממשלה איז געוואָרען דריי יאָהר אַלט
האָט ער געמאַכט אַ קעניגליכען באַל — אונטערהאַלט,

גאָלדענע בעטען מיט זיידענע דעקין אין גינגאַלד געשטיקט
אויפ׳ן באָדען, פּורפּער-זייד מיט דיימאָנדס אויסגעשפּרייט,
אַז אַלע אַנוועזענדע זיינען געוואָרען העכסט ענטציקט
פון אַלע טייערע אַנטיקען פון יענער צייט.

אום צו פאַרשטאַרקען זיינע קעניגליכע בענדער
אין די הונדערט זיבען און צוואַנציג לענדער,
האָט ער געלאַדען די פיהרער פון אַלע קאַבינעטען
און רעפּאַרטערס פון אַלע זשורנאַלען און גאַזעטען,
האָט פאַרבערייט אַן אונבאַגרעניצטע הוליאַנקע
דאָס זעלבע, פאַר פרויען, האָט געטאָהן ושתי זיין מלכה.
דיזער באַל האָט אַ האַלב יאָהר אָנגעהאַלטען
פאַר׳ן רייכען און אָרימאַן, יונגען און אַלטען,
אום זיין רייכטום און גרויסמאַכט פאַר די וועלט באַווייזען
אַז זיין רעגירונג איז שטאַרק ווי שטאָל און אייזען.
אַכצעהן און אַ האַלב טויזענד אידען
וואָס דאַרפען זיין פון פעלקער ענטשידען,
האָט מען זיי ספּעציאַל צום באַל געלאַדען
דאָס האָט געבראַכט פאַר אַלע אידען גרויס שאַדען,
ווייל זיי האָבען אין זייערע פליכטען זיך פאַרגעסען
יין-נסך געטרונקען און פון די סעודה געגעסען,
אין די כלים פון בית המקדש, וואָס זיינען פאַרהייליגט
און אין די גאַנצע הוליאַנקע האָבען זיי זיך באַטייליגט...

* * *

גראַדע אַם שבת-טאָג, איז אחשורוש המלך
אויף דעם אונטערהאַלט געוואָרען פרעהליך

און באפאהלען:

אז די מלכה זאל אין „חוה׳ס קאסטיום״ זיך פארשטעלען
פאר מיניסטארן און געסט אין פאלאץ דעם ליכטיגן העלן,
כדי אלע זאלען זעהן, ווי זי איז געטאקט און שעהן...
אבער איר „פרויען־שטאלץ האט איר ניט ערלויבט געהן,
דער קעניג איז פאר כעס געווארען גרין און געל
וואס זי האט ניט אויסגעפאלגט זיין באפעהל,
ווייל זי האט דעם קעניג פארשעהמט פאר די וועלט
האט מען זי צום קרימינאל־געריכט געשטעלט,
אום, זי זאל א מאדע פון „ניט פאלגען״ ניט אריינברענגען
האבען די מיניסטארען איהר פאראורטיילט צו הענגען,
אלס א מוסר: אז יעדער מאן, סאי חכם סאי נאר
זאל שטענדיג איבער זיין פאמיליע זיין דער „אויבער־האר״.

קפיטל ב׳:

## „אחר הדברים האלה כשוך חמת המלך״

נאכדעם, ווי ס׳האט זיך געשטילט דעם מלך׳ס צארען
און האט זיך באדענקט וואס דא איז געטאהן געווארען,
אבוואהל אנגעקוואלען וואס גע׳פטר׳ט א צרה
זאגט דאך דער פסוק: „לא תהו בראה לשבת יצרה״,
האבען די יועצים געראטען די מייאסטעטישער מאכט
אז די שענסטע מיידלעך זאלען צום מלך ווערן געבראכט
פון נאהענטע און ווייטע שטעדט און מדינות
פון פערשידענע ראסען און אמונות;
א איד פון ירושלים פארטריבען
איז אין שושן וואהנען געבליבען,
געשטאמט פון שבט בנימין
**מרדכי** איז געווען זיין נאמען,
א יתומה, ביי זיך, האט ער א געבילדעטע ערצויגען
ווי א געטרייער פאטער, זי געשיצט מיט זיינע אויגען,
דערגרייכט דער קלאס בילדונג, דער העכסטער
איהר נאמען איז געווען **אסתר**,

איז ממילא אויף איהם אויך געפאלען די גזירה:
זי צו ברענגען אין קעניג'ם הויף, ס'איז קיין ברירה!
אסתר די פרומע און חכמת גאר א וואונדער
האט געקראגען א פאלאץ גאר באזונדער,
מיט אלערליי משרתים, שפייזען און בשמים די בעסטע
פון אלע מיידלעך איז איהר חשובות געווען די העכסטע,
זא שנעל ווי דער קעניג האט זי דערזעהן
האט זי ביי איהם באלד נושא חן געווען,
בעשרה בטבת, האט ער איהר אלס קעניגין געקרוינט
און די שטייערן צום קעניגרייך ערלייכטערט — באלוינט,
האט געלאדען די מיניסטארען פון יעדער מדינה
צו די גרויסע סעודה-האכצייט מיט אסתר די גרינע.
כאטש א טאכטער פון ישראליק דעם „נדוח"
האט עס איהר ניט געשטערט צום שדוך;
צו רייכטום, כבוד, הערשאפט און פאלאצען
איהר נאמען ווערד גרויס, ניט אבצושאצען;
אויסגעפאלגט איהרע מצוות, תעניתים געפאסט
און געקעמפט פאר'ן אידישען פאלק וואס ווערד געהאסט,
אידיש האט זי זיך געפיהרט, און אלס קעניגין רעגירט
פון דעסט-וועגען האט עס איהר ניט געשאדען
ווען צום טיש פון קעניגע, איז זי געווען געלאדען.
מיט א צייט שפעטער האט אזא געשיכטע פאסירט:
„בגתן ותרש" דעם מלך'ס באדינטע האבען אינטרעגירט
זיי האבען באשטימט צוזאמען: דעם מלך צו פאר'סם'ען;
ברוח הקודש האט מען מרדכי'ן דעם סוד ענטדעקט
האט ער עס באלד פאר אסתר המלכה ענטפלעקט,
די מלכה האט דעם מלך מיט א באזוך באעהרט
און אין מרדכי'ס נאמען די געהיימנים איהם ערקלעהרט,
מען האט געהאנגען די פארעטער
און דער מלך איז לעבען געבליבען,
און מרדכי, אלס מלך'ס רעטער
אין ספר הזכרונות פארשריבען.

*　　*　　*

## קפּיטל ג׳ :

# „אחר הדברים האלה גידל המלך את המן״

נאָך די אַלע פּאַסירונגען, מיט אַ צייט שפּעטער
איז אַן אַנטיסעמיט, אַ צורר, אַ פאַררעטער
פון מלך אַלס הויפּט מיניסטער געוואָרען ערהויבען
דאָס גאַנצע קעניגרייך, איהם איבערגעגעבען ;
זיי האָבען איהם גערופען „המן״
מ׳האָט געציטערט פאַר זיין נאָמען,
יעדער איינער האָט געמוזט פאַר איהם דעם הוט ציהען
זאָגאַר דער גרעסטער, מוז פאַר איהם זיך בוקען און קניהען
אָבער מרדכי האָט ניט צוליב געטוען המן׳ס רצון
און ניט געוואָלט זיך בוקען פאַר דעם דעספּאָט — דעם קצון
מרדכי האָט געפאָלגט דעם אידענ׳ס געזעץ :
„לא תשתחוה״, בוק זיך ניט פאַר קיין געץ...
דאָס האָט דעם רשע זעהר געקרענקט און פאַרדראָסען
און האָט זיין כעס אויף אַלע אידען אויסגעגאָסען,
האָט זיך זעהר פערגלוסט דעם מיניסטער—דעם רשע המן
צו מאַכען אויף אַלע אידען צאַר׳ישע פּאָגראָמען,
ביי איהם איז די אידען פראַגע
געוועזן די גרעסטע פּלאָגע.
דער צורר מיט גיפט און גאַל
האָט געפּלאַנט ישראל׳ס פאַל...
פון זיינע רשעות-גזירות טאָג נאָך טאָגע
ווערד אַלץ ערגער די אידישע לאַגע
דאַן האָט המן פאַבריצירט אַ פאַרברעכערישע קלאָגע :

„אַז קעגען כלל, רעוואָלטירען אידען
און שטערען די בירגערליכען פרידען
דאַרף מען זאָפאָרט זיי אין קייטען שמידען ;

אויסטראַכטענדיג פאַלשע בלבולים
מיט נידערטרעכטיגע זלזולים ;
איבערגעגעבען פאַלשע באַריכטען
אום די אידען גענצליך צו פאַרניכטען ;

„דען, בלויז מיט געוועהנליכע וואפען
די אידען צו באשטראפען?
וואלט זיין צו ווענינ״, טענה׳ט ער צום קעניג,
אַט דער המן הרשע, מיט אַ שריפטליכע בקשה,
אויסרעכענדיג די אידישע חסרונות
מיט פאלגענדע חטאים ועוונות:
„אַז די לאנדעס געזעצען, זיי איגנארירען און פארלעצען
און פון זייערע געבאָטען, זיי אַליין לאכען און שפּאָטען
אַז דער פאָטער און קינד, זיינען פול מיט זנות זינד...
זיי רוהען ניט אין די אידישע שבתים וימים טובים,
לעבען ניט בשלום, זאַגאר מיט זייערע עלטערען און קרובים
זיי אַליין צווישען זיך שעהמען, מיט זייערע אידישע נעמען

וועהלען פיהרערס גאַר פראָסטע איינפאכע,
ריידען ניט זייער אייגענע שפראכע,

איבערגעביטען זייער העכסטע און שעהנסטע מאָראַל
אויף קערפערליכע מאַמענטאלע פערגעניגען
זייער גאנצעס שטרייבען איז נור זאמלען גרוים קאפיטאל
דורך פראָצענטען, עקספּלואטאציע און בעטריגען,

אַט דיזע זיינען ביי אידען די פיהרער,
און איבער רעליגיאָן, די רעגירער,
ווען די רייכע רייטען אויפ׳ן זאָטעל
דורכדעם ווערד זייער תורה־שוץ בטל,
אין פיצינקע חברה׳לעך זיינען זיי צושפליטערט
יעדער רב, פאר זיין עקזיסטענץ, שרעקט זיך און ציטערט,
אַנערקענען יאָ מכלומר׳שט אונזערע חגאות און זיטען...
אַבי נור, אום צו קענען זיך מישען איבעראל אין מיטען...
מיט אַלע מיטלען זוכען זיי, אונז צו געפעלען
אום אין „פאָליטיקס״ אַן דער שפּיצע זיך שטעלען,
דיזע וואָס האָבען אַנגעזאַמעלט רייכטום דורך רמאות
האָבען פערכאפט פרעזידענטשאפט און גבאות.
אַבוואָהל, פון אַנדערע לענדער היער איינגעוואַנדערט
זיינען זיי דאָך, איינער פון צווייטען אַבגעזאַנדערט,

„ישנו עם אחד — אפילו בין העמים — מפוזר ומפורד״
געגען זייער „השם-אחד״ זיינען זיי דערמיט מורד!

דיזע באַטיטעלטע „עם אחד״, דאָס איינציגע פאָלק
זיינען צווישען זיך צובראָקעלט, פיהרען זיך אָהן אַ טאָלק.

אַט דיזע געקרוינטע: „עם חכם ונבון״
דאַרף זיך שעהמען פאַר׳ן פראָסטען „יאַוואָן״ (יון),

די טובת הכלל פיהרערס זיינען נור גאוה און כבוד אויסען
די גרינדערס און אמת׳ע טוערס ווערען אַרויסגעשטויסען;

די רבנים זיינען צווישען זיך אין קאָנטראַסט
דער אמת׳ער עהרליכער רב ווערד געהאַסט

ווייל זיין ערנסטער מוסר זאָגען,
קענען די רייכע ניט פאַרטראָגען;

די מעהרסטע זיינען נור עגואיסטען,
און גייציגע מאַטעריאַליסטען;

בלויז די אָרימע מאַסען, און אַרבייטער קלאַסען

וואָס זיינען אין אינדוסטריעלע, יוניאָן׳ס אָרגאַניזירט
און מיט מענשליכע און מאָראַלע געזעצע דיסציפּלינירט,

זיינען מעהרסטענס עהרליכע אידעאַליסטען
און רופען זיך „פּאָליטישע סאָציאַליסטען״

פאַר אַלע איינוואָהנערס זיי ערנסט קעמפען און שטרייבען
צו אַ גרינגערען, שעהנערען און בעסערען לעבען

די טאַלאַנטפולע אידען וועלכע אַרביימען
אַלעס נוצליכעס פאַר אַלעמען פאַרבאַרייטען,

און מאַכען פאַר אונז די וועלט אַלס אַ גן-עדן
אויף זיי קען איך קיין שלעכטע ווערטער ניט ריידען,
פון זיי קענען מיר זיך אַבסאָלוט ניט שיידען,

ווען זיי ווילען ניט פּראָדוצירען, מוזען מיר אַלע קראַפּירען.

כאָטש זיי פיהרען אָן איבעראַל גרויסע שטרייטען
דעם סיסטעם פון רעגירונג, דורכאוים, איבערבייטען,

אָבער מיט דעם „ציוויליזירען״ זיי דאָך אונזערע מענשען,
דאַרפען מיר דערפאַר זיי נאָך באַלוינען, לויבען און בענשען.

זייערע מענשליכע קלוגע לעהרע,
פערשאפט אונזער לאנד גרוים עהרע...

עם דיקטירט טאקע אויך מיין ריינעם געוויסען:
זיי זאלען זייער פראדוקט, זעלבסט געניסען!
אבער די אידען וואס ליבען נור צו האנדלען
איבעראל, אין אלע לענדער, וואו זיי וואנדלען;
דיזע „אתה בחרתנו'קעס מיט זייער „יחוס"
ווידערשפעניגען געגען דעם אלקי הרוחות!
אויף „לא תלין ולא תשיג ולא תגנוב" זיינען זיי עוברים
דורכדעם ווערען די קינדער דעמאראליזירט און כופרים;
זאגאר זייער „מנין" איז מיט פרוד לבבות
און מעהרסטע תפלות מיט פאלשע מחשבות...
דערפאר, דארפען מיר זיך ניט שרעקען פאר זייער מאכט
מ'קען זיי בייקומען און פערניכטען שנעל אין איין נאכט.
אז אויסנאהם וועלען זיין די עהרליכע גבירים
וואס דער תלמוד זאגט: „רבי מכבד עשירים
וועלכע זיינען פאראייניגט מיט די ארבייטער באנאנד
אויפצובויען און זיך באזעצען אין אידישען לאנד
אויך די אידען וואס גוטע מדות באזיצען
דארף מען זיי מיט פאמיליעם פראטעקטען און שיצען".

— באמערקונג: —

(צום באדויערען, מוז דא געזאגט ווערען גאנץ אפען
אז מיט די מעהרסטע חטאים האט ער צוגעטראפען...
אבער: ווען דיזע אידען ווערען צו חרטה דערוועקט
ווערען די המן'ס ביטערע גזירות גלייך אפגעמעקט!)

המן איז וויליג צעהן צענטען זילבער אבצוואועגען
אום, צו זיין פלאן, זאל דער קעניג ניט זיין דערגעגען.
אחשורוש: איינשטימענדיג צו דיזען באדינג
גיבט איהם גלייך — אלס צייכען — זיין קעניגליכען רינג;
„דו המן האלט דיר דאס געלד
און טהו מיט זיי ווי דיר געפעלט...

דער צורר המן, האט די פאגראמען

על פי גורל באשטימט אם דרייצענטען אדר
האט דאס פאראורזאכט א שרעקליך גערודער,
א געוואלדיגען טומעל אין אלע מדינות
אין די אידישע סעקשאנס און שכונות
געשיקט דעקרעטען, אין אלע שפראכען
איבעראל פאגראמען צו מאכען,
„להשמיד להרוג את כל היהודים"
גם „החרדים, צדיקים וחסידים"...
וצעקו צעקה גדולה ומרה,
על זאת הגזירה וצרה!
אלע אידען אין אלע מדינות,
האבען פארבראכט אין תפילות וקנות.

קפיטל ד':

## „ומרדכי ידע את כל אשר נעשה"

מרדכי דער אידישער פאטריאט און אמת'ער מאן
האט דורך רוח הקודש געוואוסט דעם שוידערליכען פלאן,
און פון גאנצען צעטעל המן'ס מסירות צום קעניג כסדר
האט ער אנגעצויגען אויף זיך א זאק, אנשטאט קליידער,
און איז געגאנגען צום קעניג'ס טויער
מיט א פארביטערט הארץ און גרויס טרויער.

„התך", דער מלכה'ס באדינער, האט איהם דערזעהן
האט אסתר זיך דערוואוסט, וואס דא איז געשעהן,
פון דעם טיראן המן'ס בעפעהל, צו מאכען פון אידען א תל
אויך וועגען די צעהנטויזענד צענטען זילבער, אלס כאבאר
און שוין-מיטעל, זיך זיכערן געגען נקמה געפאהר...
האט מרדכי מיט אסתר'ן אויגענבליקליך זיך בעראטהען
וועגען דיזע גזירות — די שרעקליכע גרוילטהאטען:
„דו אסתר, די גזירה איז אויף דיר אויך חל"
אלס אידישע טאכטער, ביזטו אויך אין כלל"!

איז געקומען אסתר'ס באשלוס:
„אז דא וועט ניט העלפען קיין רעקורס".

אויך אָהן ערלויבעניס צו געהן צום מייאסטייט
פאַר אַזאַ פאַרברעכען, באַשטראָפט מען מיט טויט...
עס קען נור העלפען: די אידישע רפואה וסגולה
וואָס וועט, אָהן צוויפעל, ברענגען די געוואונשטע גאולה,
דאָס איז נעמליך: „אחדות, תשובה ותפילה"
אַנשטאָט „יגון ואנחה", וועט זיין מנוחה ושמחה וגילה!
קודם כל: „לך כנוס את כל היהודים
תלמידי חכמים, הפועלים וחרדים"!
ווייל, ווען דער גלות ווערד אונערטרעגליך גרויס
מוז באַלד פראַקטיצירט ווערען: „לך כנוס"!
דאַן, „אַל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים
ולהתפלל לבורא כל העולמים"!
(דיזער מיטעל איז דער זיכערסטער און בעסטער
דאַרום, רופט מען דיזע מגילה: „מגילת אסתר"
* * *
ווען אידען פאַראייניגען זיך אין אַ מעכטיגען פאַרבאַנד
ווערען די רשעים מיט זייערע גזירות, צו שפּאָט און שאַנד,
דאַן, קען קיין נאַציאָן האָבען איבער אונז אַ שליטה
פון תנ"ך, תנאים ואמוראים שטאַמט דיזע שיטה:
„נעשין ישראל אגודה אחת מיד נגאלין"
אָבער ניט פרוד לבבות, דורך פילע שול'ן;
„אפילו כל ישראל עובדים עבודה-זרה ויש אחדות ביניהם
אין כל אומה ולשון יכולים לשלוט עליהם"!
שנאמר: „חבור עצבים אפרים הנח לו",
דער למדן ווייסט: וואָס די גמרא האָט דאָ אָנגעוואונקען
אַז ס'איז מעגליך צו רעטען, דעם וואָס איז טיף געזונקען!
דארום, איז געווען אסתר'ס פייערדיגע אויפרוף:
אויפצוואוועקען די אידען פון לעטאַרגישען שלאָף
דיזעס, זיי צו דערקלעהרען
אום המן'ס גזירות צו שטערען.

קפיטל ה׳:

## „ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות"

אין דריטען טאָג האָט אסתר זיך מישב געווען
אָהן ערלויבעניס, אין קעניגליכע קליידער, צום קעניג געהן
צו לאַדען איהם צום מאָלצייט,
וואָס זי האָט פאַר איהם געגרייט.
ווי אויך דער מיניסטער המן, זאָל קומען, צו זעלבער צייט,
דער קעניג האָט איהר ביטע ערפילט
ניט וויסענדיג, צו וואָס זי צילט...
המן האָט ווערענד די צייט
פאַר זיין ווייב און גוטע לייט,
זיך זעהר געבריהמט און געפרייט,
„אַז די מלכה איז אויך אויף זיין זייט...
נור, ווען איך דערזעה מרדכי דעם קנעכט
פיהל איך דאַן זעהר שמערצליך און שלעכט",
און די גרויסע מרשעת זרש,
פון עמלק געווען דער שורש
איז ביי יעדער גזירה געשטאַנען אונטער זיין פלייצע
האָט איהם געגעבען אַ שרעקליך שוידערליכע עצה:
„א תלי׳ פופציג איילען הויך, פאַר מרדכי׳ן אויפצושטעלען"
און איז זיכער: אַז דאָס וועט דעם קעניג אויך געפעלען,
המן האָט ניט פיל געטראַכט
און פאַר מרדכי׳ן אַ תלי׳ געמאַכט.

קפיטל ו׳:

## „בלילה ההוא נדדה שנת המלך".

נאָכדעם, ווי צו די פינסטערע גזירה
איז שוין ניט געווען קיין ברירה,
ווייל, זי איז געווען מיט׳ן קעניג׳ס חותם פאַרזיגעלט
אין מיטען נאַכט, ווען אַלעס באַוואַכט
אַלע טויער׳ן פאַרמאַכט, פאַרשלאָסען און פאַרריגעלט,
איז אויפ׳ן קעניג, אין מיטען שלאָפען
גרויסע שרעקען און אנגסטען אָנגעלאָפען,
געמישט האָט זיך אין זיין מוח פאַרשידענע רעיונות
האָט ער געהייסען ברענגען דעם ספר־הזכרונות,

און פאַר איהם פאַרלעזען, וואָס איז אַמאָל געוועזען;
ווי דורך אַ נס, אַזוי גלאַט, האָט זיך געעפענט דער בלאַט:
ווי „בגתן ותרש״ זיינען אויפ׳ן קעניג געווען בייז
און האָבען אַריינגעמישט סם־המות אין זיין שפּייז
און אַז מרדכי האָט באַלד ענטדעקט דעם סוד
געראַטעוועט דעם קעניג פון זיכערען טויט״!
פרעגט איהם דער מלך, ערינסט און עהרליך:
„וואָס פאַר אַ באַלוינונג האָט מען מרדכי׳ן געגעבען?
דערפאַר, וואָס ער האָט געראַטעוועט דעם קעניג׳ס לעבען״!
אַנטוואָרט איהם דער בוכהאַלטער, שטיל און געלאַסען:
„אַז מרדכי האָט פאַר דעם נאָך גאָר ניט גענאָסען.

* * *

אין דעם, קומט המן אין קעניג׳ס הויף
אום, איבערצונעהמען זיין „איינקויף״...
די צושטימונג פון מלך צו פערלאַנגען:
„להשמיד להרוג״ ביי מרדכי׳ן אָנצופאַנגען,
„צו הענגען מרדכי׳ן איז ער שוין גרייט
אויף דער תלי׳ וואָס ער האָט פאַרגעברייט״.
איז דער הוליגאַן המן
נאָהנט צו קעניג געקומען,
פרעגט איהם פלוצלינג דער קעניג אַן ערינסטע פראַגע
ער זאָל רעכטפערטיגען זיין פאַרצווייפעלטע לאַגע:
„מיט וואָס זאָל איך פאַרגיטיגען היינט?
מיין בעסטען און טייערסטען פריינד״!
האָט המן געטראַכט ביי זיך:
„אַז דער קעניג מיינט דאָס מיך״,
„און מיין עצה וועט דעם קעניג געוויס געפעלען
אויב ער וויל זיין געוויסען צופרידען שטעלען״.

עצה׳ט המן:
„לאָז מיך ערקלעהרען כסדר
ברייננגען די קעניגליכע קליידער
דאָס קעניגליכע פערד מיט׳ן מלך׳ס קרוין
און באַפעהלען אַ העכסט געאַכטעטען פאַרשוין,

וואָס זאָל מיט עהרען-פאַרכט זיך באַמיהען
דיזע קליידער אויף איהם אָנציהען
און די קרוין אויפ'ן קאָפּ אָנטוען,

דאַן אויפ'ן פערד איהם ארויפזעצען צו רייטען,
און שעהנע פּאַראַדעס פאַר איהם פאַרצובאַרייטען,

דער פערזאָן זאָל דעם פערד פאַר'ן צוים פיהרען
און אין די שעהנסטע גאַסען הערום מאַרשירען

און מיט מיוזיק און כאָהר און הויכע קולות אויסשרייען:
הורײַ! הורײַ! לכבוד דעם מלך'ס פריינד — דעם געטרייען"

זאָגט דער קעניג, שטרייגגם צו איהם: „דו המן,
ביזט דערצו באַשטימט אין מיין נאָמען,

ווייל נור דו ביזט דערצו גוט פּאַסענד און געניהט
זאָלסט אַלעם דורכפיהרען פאַר מרדכי'ן דעם איד,

גלייך אַלעם פאַרטזעצען, און קיין זאַך ניט פאַרלעצען,

„אל תפל דבר" מיט דיין כעס, זאָלסט זיך ניט אַמוזירען
ניט מאַכען איהם אַראָפּפאַלען, ביים פּאַראַד אַרומפיהרען".

המן האָט אַלע זיינע עצות זעלבסט פּראַקטיצירט
אויף מרדכי'ן דעם אמת'ן איד ריכטיג אויסגעפיהרט,

באַעהרט מרדכי'ן מיט הוריי-געשרייען, און גרוים פּאַראַד,
אין די שענסטע גאַסען און מאַרקען פון דער גרויסער שטאָט
פאַר דעם קעניג'ס הערצליך געטרייען, און העכסטען גראַד!

* * *

מיט פאַרוויינטע אויגען, און דעם רוקען געבויגען

און זיין שטאָלצקייט געבראָכען, איז המן צום הויז דערקראָכען

באַריכטעט זיין ווייב וואָס ס'האָט איהם געטראָפען

ווי ס'איז צופאַלען זיינע נקמה-פּלענער, און האָפען.

האָט איהם זרש געאַנטוואָרט מיט אַ „טרייסט":

„אַז ווער עם טשעפּעט דעם אידישען גייסט

און אויף אַ איד הויבט די הענד

וועדר פון איהם אַ סוף אַן ענד,

דען, קוים האָסטו אָנגעהויבען פּאַלען

זיינען דיינע אַלע פּלענער פאַרפאַלען".

אין דעם, האָבען איהם איבעררא͏ַשט דעם מלך׳ס באַדינער
און איהם געלאַדען צו דער מלכה אויף אַ „דינער״.

קאַפּיטל ז׳:

## „ויבא המלך והמן לשתות עם אסתר המלכה״

דער קעניג מיט דעם צורר המן,
זיינען צו אסתר׳ס סעודה געקומען
די ביידע צאַרענדיגע, געניסען פון אסתר׳ס געטראַנק
יעדער מיט אַן עקספּלואַדירטען שטורמדיגען געדאַנק

זאָגט דער מלך צו דער מלכה אסתר,
ביי דעם באַנקעט פון צווייטען טאָג:
„דו ביזט דאָך ביי מיר דער אַנטיק — דער בעסטער
פערלאַנג, ביז אַ העלפט וואָס איך פאַרמאָג״!

די מלכה אַנטוואָרט גאַנץ איינפאַך:
„איך פערלאַנג פון קעניג נאָר איין זאַך
וואָס וועט מיך שטעלען העכסט גליקליך און צופרידען
שענק דעם לעבן מיינע שוועסטער, ברידער און אַלע אידען!

דען, דער שאַדען פאַר׳ן מלך, וועט זיין אומערטרעגליך,
זאָלען זיי כאָטש זיין שקלאַפען, ביי פירשטען און גראַפען״!

דעם מלך האָט דאָס אין זיין הארצען געטוען אַ ברען
פרעגט ער, ביי דער מלכה: „וואָס, ווער, און ווען״?
אַנטוואָרטעט די מלכה: אדוני קעניג און האר
אָט זיצט ער, המן דיין פיינד, דער טיראַן — דער צר״!

דער קעניג האָט דאַן אָנגעהויבען זעהר צאַרענדיג פיהלען
און איז אַרויס אין קעניגליכען גאָרטען זיך אָבקיהלען.
אסתר המלכה האָט זיך אָפּרוהן, אויף איהר בעט צוגעלענט
המן: צו בעטען ביי איהר רחמים, האָט צו איהר צו גענענט
מיט וויינעדיגע אויגען, גיסענדיג טרערען קוואַלען
וואַקלענדיג זיך, איז אויף דער מלכה׳ס בעט געפאַלען...
אין דעם, איז דער מלך אריין בלויז איבער דער שוועל
און די ווילדע סצענע פון המן, האָט דערזעהן שנעל,
זאָגט ער צו המן: „דו ווילסט נאָך באַגיין אַזאַ פאַרברעכען
מיין קעניגליכעם פאַמיליען לעבען זאַ פאַרשוועכען״?

רופט זיך אָן „חרבונה": פון קעניג׳ס גוואַרדיע, זכור לטוב
אַז המן האָט אויפגעשטעלט אַ תלי׳ פאַר מרדכי׳ן, אין הויף.
ווערד דער קעניג אין כעס, גיט אַ שטרענגען אָוקאַז:
מ׳זאָל שוין המן אין זיין הויף ברייגגען
און אויף זיין אייגענע תלי׳ אויפגעהאַנגען!
דיזער באַפעהל איז באַלד געשעהן
אַלע האָבען דעם גרויסען נס געזעהן;
אויפגעהאַנגען המן מיט זיין גאַנצער משפחה
באַלד נאָך דער טהאָט: „וחמת המלך שככה"!

„תפילת מרדכי ואסתר ראית, המן ובניו על העץ תלית"
שלעכט איז נור,
וואָס מ׳האָט איהם געהאַנגען אויף אַ בוים אַמאָל,
און ס׳וואַקסן אויף אים המן׳ס, קליינע און גרויסע אָן אַ צאָל

קפיטל ח׳:

## „ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן".

נאָכדעם, האָט דער מלך המן׳ס הויף דער מלכה געשענקט
און זי מיט מרדכי האָבען דאָרט יהדות אַריינגעברענגט,
דאַן, האָט דער מלך געגעבען מרדכי׳ן, המן׳ס גאָלדענע רינג
און איהם ערהויבען אַלס שני למלך איבער אַלצדינג.
נאָכדעם, האָט אסתר דעם מלך פאַר אַלעם געדאַנקט
און נאָך איין וויכטיגע בקשה פון איהם פאַרלאַנגט:
ער זאָל די גזירה פון „להשמיד ולהרוג" צוריק רופען
פון אַלע אידען, פון מזרח, מערב, דרום און צפון
דער מלך האָט גלייך ערפילט אסתר׳ס ביטע אין צווייען
דעם „להשמיד ולהרוג" אויף שונאי ישראל אומצודרעהען.

## „כתבו לכם כטוב בעיניכם" להקהל ולהנקם מאויביכם"!

מרדכי האָט אַוועק געשיקט בריף אין אַלע שפּראַכען
צו אַלע רעגירונגס בעאַמטע אין אַלע פאַכען,
מיט דעם קעניג׳ס זיגעל גע׳חתמ׳עט דעקלעראַציאָנען
אַלס רעגירונגס-געזעצע" פאַר אַלע נאַציאָנען,

און ביז דעם נעכסטען חודש ניסן
האָבען אַלע געקראָגען צו וויסען:
אַז די גזירה איז גענצליך צוריסען.

אויך מ׳זאָל זי אויף די שונאים פאַרווענדען
אַלע אידען זאָלען דערצו פינקטליך אַטענדען!

אויף פינף און זיבעציג טויזענד אַנטיסעמיטען
וואָס אידען האָבען פון זיי שמערצליכען-פיין געליטען
האָט מען אויף זיי די „מדה כנגד מדה" דורכגעפיהרט
אָבער קיין שום מאַטעריעלען רויב ניט באַריהרט.

אין דער קעניגליכער שטאָדט שושן, ווי געוועהנליך
האָט דער מלך דורכגעפיהרט דיזע נקמה, פערזענליך

**„ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"!**
**ומתיהדים מעמי הארץ, כל צר,**

אין דיזער צייט, האָט מרדכי מיט אסתר באַנאַנד
אויפגעפאָדערט אַלע אידען פון יעדער לאַנד
זאָלען זיך פעראייניגען אין אַ מעכטיגע פערבאַנד!

**„לך כנוס את כל היהודים,**
**הפועלים, והחרדים והחסידים"!**

אַלע נויטיגע תקנות האָט מען פערווירקליכט גאַנץ גלאַט
איז צו די אידישע היסטאָרי צוגעקומען נאָך אַ בלאַט.

קפיטל ט׳:

**„ובשנים עשר חודש — נקהלו היהודים בעריהם"**
לשלוח יד במבקשי רעתם, ואיש לא עמד בפניהם
כי נפל פחדם על כל העמים, והלואי שיהי׳ כך בכל הזמנים!

נאָכדעם, ווי מ׳האָט אין שושן, המן׳ס 10 זין אויפגעהאָנגען
האָט ניי לעבהאַפט ביי די אידען איבעראַל זיך אָנגעפאַנגען.

אין אַלע מדינות ווערד מרדכי זעהר געאַכטעט און ערהויבן
מאַסען פון פעלקער, נעהמען אָן דעם אידישען גלויבען,
צו דינען מתוך אהבה ומסירת-נפש דעם בורא
און ריכטיג אָבהיטען די תרי"ג מצות פון זיין תורה,
וממילא צו רוהען שבתים וימים טובים
און האַלטען בכבוד, עלטערען און קרובים!

אין הונדערט זיבען און צוואנציג מדינות, איבעראַל
האָט מרדכי, אַלס שני למלך, פאַרשפּרייט זיין מאָראַל;
אידען האָבען אויף זיך גענומען לדור-דורות:
תמיד אויסצופאָלגען ערנסט די צוויי תורות,
אַם פירצענטען און פינפצענטען אדר, אַלס יום טוב פּורים
האָט מרדכי באַשטימט פאַר אַלע אידען, רייך און אָרים;
ערב פּורים צו פאַסטען אַלס „תענית אסתר"
און שטיצען אָרימע ברידער און שוועסטער,
אין אָבענדס און מאָרגענס זאָל מען לייענען די **מגילה**
מיט גרויס באַגייסטערונג און פרסום, **ביי יעדע קהילה;**
צו קרובים און גוטע פריינד, זיי שיקען „**שלוח-מנות**"
צו אָרימע און אַנשטאַלטען טיילען מתנות;
**שטיצען ישיבות ותלמוד תורות ושאר מפעלים**
דאַן, עסען די „**פּורים-סעודה**" פון בעסטע מאכלים;
פיינע משקאות טרינקען, פאַדערט דער „שלחן ערוך"
ביז מ'ווייסט ניט די מיינונג פון „ארור און ברוך"
און ווינשען איינער דעם צווייטען „לחיים"
מיט: „**לשנה הבאה בירושלים**"!

נור קודם כל זאָלען מיר אין וועג פון אברהם אבינו געהן
אשר בשכלו ובחכמתו הכיר את בוראו
און ווי מרדכי, אידישער פּאַטריאָט, פעסט שטעהן
„**הדורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו**"!

* * *

## ברכות אחר המגילה
## לאמור ברינה ובגילה:

בזכות דער „**קימו וקבלו**" **פון דער מגילה**
זאָל ביי אידען תמיד זיין **תורה וגדולה!**
ובזכות פון אויספאָלגען איהרע געבאָטען ריכטיג
זאָל ביים פאָלק ישראל ווערען פון פינסטער ליכטיג
פון נידריגע אָרימע קנעכט, צו העכסטע מענשליכע רעכט
פון טרויער, צו פולשטענדיגע פרייד
פון עניות ודחקות, צו לעבען ברייט

פון שנאות ומלחמות, צו שלום ונחמות
**פון יגון ואנחה, צו ששון ושמחה;**
צו ערציהען די קינדער אין אמת אידישען גייסט
פון די המן'ס, ספּעציאל „אידישע", צו ווערען ערלייזט!
**הלואי, ליבער איינציגער פאָטער**
**ווערד מען שוין גיך פון זיי פּטור!**

ווען אידען וועלען ריכטיג מקיים זיין „**מחה תמחה**"
וועט השם יתברך פּאַרווירקליכען „**מחה אמחה**"!
המן'ס זאָלען פון אידישען פּנקס אָפּגעמעקט ווערען
און „**מרדכי'ס**" זאָלען ביי אונז, שטענדיג זיך **מעהרען**
וועלען מיר קירצליך **באַפרייט ווערען פון גלות שאַנד**
און בעלי-בתים ווערען אין אונזער פאַרשפּראָכענעם לאַנד!

אין דער צייט פון אַלגעמיינע גרויסע נויט'ן
ווערד יעדער העפליכסט און הערצליך געבעטען:
פאַר די מגילה צו געבען „**מחצית השקל**"
ולמען השם, ניט צו זיין דרויף אַלס מיקל!...
אויף **שטיצען לומדים ועניים אין ירושלים**
ובזכות זה: **תתברכו מהבורא ארץ ושמים!**

ארי' ל. באדנשטיין, המכונה אבן-שתי'
המצפה והמחכה לגאולה וישועה.

* * *

ווער עס ווערד פון דיזע מגילה באַגייסטערט און ענטציקט
און איז וויליג אויף צדקה עטוואס צו ספּענדען
זאָל זיין נדבה, דירעקט צום מחבר ווערען געשיקט
וועט מען, לויט זיין רצון, באַלד דערצו אַטענדען!

דער מנדב וועט געוויס האָבען אַ גרויסע זכי'
פאַר באַזייטיגען פון עניים: צער, יגון ובכי'!

אַדרעסע:
**A. BODENSTEIN, 63 Clinton St., New York City**

# דעם באַשעפערס פּראָטעסט געגען כאַפּעריי

„מהשם לא תצא הרעות" (איכה)

דער אַלמעכטיגער נאָמען „שדי",
כפּירוש רש"י שאמר לעולמו „די"!
כלומר: שברא לכל בריותיו, מחיותיו די!

דאָס מיינט: אַז ס'איז באַשאַפן פיר יעדע בריאה,
אַלעם גענוג פיר חיונה און זריעה.

וואָס איז דאָס פיר אַ צרה!
דער באַשעפער שרייט אויפ'ן קול —
איך גיב דאָך קיין עין הרע
גענוג פיר אַלע, פּונקט ווי אַמאָל:

די סעדער, פעלדער, טראָגען
פרוכט, גרינצייג און שפּייז,
פאַרוואָס אויף יקרות קלאָגען
פאַרוואָס דער הויכער פּרייז?

כ'גיב בולבעס, ווייץ און קאָרען
און אַלץ וואָס ברענגט נוץ;
איך בין ניט קאַרג געוואָרען,
כ'גיב אייך אַלדאָס גוטס;

כ'גיב צוקער, מילך און פּוטער,
און מאַך דעם לעבען רייך,
מיט ליבע ווי אַ געטרייע מוטער,
און גיב דאָס אַלעמען גלייך;

כ'גיב זייד און וואָל און פאָדים —
דער יקרות איז גרוים שאַנד!
פאַרוואָס דער בראַנד אויף בגדים?
איך גיב דאָך מיט פולער האַנד!

און בהמות, עופות און פיש אָהן אַ צאָהל,
פאַרגעברייט אין אַלע וועלט טיילען
אויסגע'סדר'ט לויט געברויך, פאַר אַלע מאָל,
מינעראַלען, מעטאַלען, קויהלען און אויל'ן.

איך גיב און איך בין וויליג
צו געבען שטענדיג גענוג,
יאָ, אַלעס דאַרף זיין ביליג
ווען ס'געהט נור אָהן בעטרוג!

מענשען קענען אויף מיר ניט זאגען
דאס איך פארשאף זיי ארמוטה און נויטה
קיינער דארף זיך ניעמאלם פלאגען,
ס'דארף קיינעם ניט פעהלען שפייז און ברויט!
קיין היישעריק און קיין מבול
קיין ווילדע חיות אייך פארציקט
איך האב קיין שום מחבל
אויף אייך ניט אנגעשיקט!
איהר פיהרט אליין זיך איבער,
שאפט אליין זיך די פיין
גראבט זעלבסט אייערע גריבער
און לייגט זיך זעלבסט אריין...
איהר מענשען, נעמט מיינע ברכות
און מאכט פון זיי נור א קללה!
דערמיט טהוט איהר מיר צו להכעים
דאס איז ווירקליך א מיאוס'ע נבלה!
ווייל גרויסע פראפיטירערם איהר ווערד,
און איהר זאגט אז „מזל" איז אייך באשערט,"
דערמיט ברייננגט איהר גרוים אונגליק אויף דער וועלט,
אנזאמלענדיג פראפערטים און אוצרות געלד!
איך, דער באשעפער, פראטעסטיר דארויף
און זאג: לאנג וועט דאס ניט קענען אנהאלטען!
ווען מענשען וועלען אויפוואכען פון שלאף,
וועט זייער גאווערמענט אלעס זעלבסט פארוואלטען
דען איך בין צו אלעמען אימער גוט
און קען אייך תמיד בהרחבה שפייזען!
נור קריגט שכל און פאסט זיך קוראזש און מוטה
דאס פאלק זאל זעלבסט רעגולירען די פרייזען!
און דעם ארבייטער'ס האב און גוטם,
זאל זיין אונטער אייגענער שוץ!
דאס מיינט: אז נור פון די פראדוצירער
זאל מען וועהלען, אלם פאלק'ם רעגירער!
נור דאן, וועט זיין אויף דער גאנצער וועלט אימער פרידען,
און דורכדעם אקצעפטירען די תורה פון די אידען
דאס איז די ריכטיגע סגולה, פיר אונזער אמת'ע גאולה
ווי מיר זאגען: „לתקן עולם במלכות שדי" נאך יעדע תפלה
צוליב דיזע כונה זיינען די „מזוזות" מיט „שדי" באגלייט
אום די כיטרישע כאפעריי אפצושאפען ווייט און ברייט!

ווערטהער אינטעליגענטער לעזער
ראַדיקאַלער און רעליגיעזער:

לאָזט פון זיך אנדערע געניסען
וועט אייך ניט פּלאָגען אייער געוויסען

און בדרך הישר, תמיד זיך פיהרען
בעזר הבורא, וועט איהר פּראָגרעסירען!

פאָלגט אוים:

„אל תשליכני לעת זקנה, ומאת עמתך הכל תקנה״!
רבנים, מחברים, כלל-עסקנים, אידעאַליסטען
יוניאָנס, פעראיינען, ובפרט סאָציאַליסטען
העברעער און די מאַסען, סוחרים פון אלע קלאַסען:
באָדענשטיין׳ס קעמפּען פאַר אידעאַל, איז באַקאַנט
אָרגאַניזער און גרינדער פון „תנועת השבת״ פאַרבאַנד,
דרוקעריי, קריגט מען ביי איהם צו די ביליגסטע פּרייזען
עהרליכע מענשען און אידען דאַרפען איהם פּאַטראָניזען!
גייע קונדען זאָלען איינמאָל איהם פּראָבירען
שריפטליכע אָרדערס וועט ער אַקצעפּטירען
טובת-הכלל פּרינטינג, עקספּערט און אַרטיסט
יעדען אויפרוף פאַר אידעאַל, שרייבט אומזיסט
יונג און אַלט זיינען ווילקאָמען, איז ליבעראַל
נעמט אָן קאָנסטיטושאָנס ביליג ספּעציאַל!

**ARIE BODENSTEIN, 63 Clinton St., N. Y.**